ש. י. לאנדינסקי

# פלאמען



STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12749

# FLAMEN

## Stanislav Londynski

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Harvey & Gayle Litwin*
*In memory of Joseph & Sylvia Litwin*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

SALMAN AVIN
CAPE TOWN
No.

# ש. י. לאנדינסקי.

# פלאמען

This book
once owned by a South African reader
has been presented
for future use to the
National Yiddish Book Centre of Amherst, Mass. USA

Jewish Studies Library of the University of Cape Town
Jacob Gitlin Library, Cape Town
Cape Town Yiddish Cultural Federation

פארלאג „די צייט"

ווארשע, 1920.

געדרוקט אלס כתב־יד.

נאָכדרוק פֿארבאָטען.

אלע רעכט פֿון איבערזעצען,

געהערען דעם מחבר.

Copyright 1920.
by Z. Brezinsky
Chicago
3430 Douglas Boulevard.

שער־בלאט געצייכענט פֿון הענריק בערלעווי.

Drukarnia: Kac i Cymer. Warszawa, Nalewki 41.

# פלאמען.

I

## צו דער וועלט.

באַגעגענסט מיך מיט ראָזע פרויענאַרימס, וועלט!
מיט פרויענבליקען, וועלכע דורשטען מיך און גלוסטען...
אָ, ציטערט מיר אַנטקעגען, גליענדיגע ברוסטען,—
און איך פאַרברען מיין טרויער און מיין נזיר־צעלט!

און נישט פאַרלעש מיין פלאַם מיט קאַלטען ברוגז־בליק,
און נישט פאַרטויש מיין פייער אויף אַ ראָזען שאָטען;
האָסט איינמאָל מיר די תאוה־וויינען אָנגעבאָטען,
פאַרשכור מיט דיין שוימענדיגען שטורמגליק!

בעט אוים אין שטורמוואָלקען אונזער חופה־בעט,
ציה איבער מיט אַ בלויען פלאַם דאָס בעטגעוואַנד
און מיט לבנה'ס זילבערליילעך אויסגעשפרייט.

און לאָז אַראָפּרייסען פון זיך דיין שאָטענקלייד,
און קושען שטאַרק, מיט ברען, דיין נאַקעט לייב צו ועט,
דען צווישען מיר און דיר, אָ, וועלט, פאַרשווינד די שאַנד!

II

## צו דער נאַטור.

אָ, נעם מיך אויף אין זיך, נאַטור,
און לאָז אין דיר מיין זעלע פליסען!
אין דיר אַריינהויכען מיין לעבעדיגסטען שפור,
מיין גייסט,
האָב איך זיך דורות לאַנג געפלייסט
און נישט איינמאָל פלעג איך זיך זעלבסט
אין גאָט באַגריסען!

אָ, לאָז מיִך פֿון דיין גרויער ערד אויפֿשטייגען;
איִן גריִנעם גראָז, איִן שמעקעדיִגע, בונטפֿאַרביִגע בלומען,
איִן וואָרצעל פֿון דעם בוים, איִן זאַפֿט, איִן גריִנע צווייגען,
איִן פֿויגעלשען געזאַנג, איִן פֿליִה, איִן ביִן= און פֿליִגען=זומען.

אָ, לאָז מיִך מיִט די היִמלען אָפּשפּיִגלען מיין אומשולד=בלויקייט
איִן דיין תהום דעם טיִפֿען;
לאָז דיינע אָקעאַנענס ציִטערדיִגע אויבערפֿלעכען
ווערען פֿון מיין בליִק געשליִפֿען...

די טריִט פֿון דיינע רויע פֿעלזען איִן דיין התלהבות'דיִגען
שטורם=רעש'ען
מיִט דיר צוזאַמען לאָז פֿון שטויב אָפּריינִיגען,
מיִט ויִלבערשוימען וואַשען...

און איִן דער טיִף, איִן פֿיִנקלענדיִגע, קאַלטע פֿיִש,
און איִן וואַסערפֿלאַנצען,
איִן אלע זון = און וואַסערגלאַנצען
און איִן אַלע שטאָפֿען.
אָ, לאָז אַריינבלאָזען מיין גייסט, מיין איִנערליִכעם האָפֿען!

אָ, לאָז אַריינלייכטען מיין גייסט, מיין ציטערדיגען זילבערגייכט
אין פינסטערניש פון נאַכט!
און לאָז מיין אָטעם איבער דיינע שטערען שוועבען —
די בלויע נעכט באַלעבען...

און ווען לבנה גיסט איר זילבערליכט
אין בלויען זעע, אין לויטערן קוואַל, אין טיפען טייך...
אָ, לאָז אַריינלייכטען מיין ליכט מיט דער לבנה גלייך! —
און וועל איך נאָכדעם בלייבען מיד און אָפּגעשוואַכט;
וועל איך אין שטילען זינגען פון די ווייטסטע שטערען,
דעם טיק־טאַק פון מיין יוגענדהאַרץ דערהערען
און זיין געטרייסט:
דען אין מיין אייגנער שאַפונג בלייב איך אויפגעלייזט!

III

# צו דער נאַכט.

אָ, נאַכט!
איך גיב זיך אָפּ דיין בלויער מאַכט:
און נעם אָפּ דאָס ליכט פון מיין העלען געדאַנק,
צעווייע די העלקייט אין שטערענבלאַנק!...

די ווינטלעך, וואָס זילבערן בוימער און גראָזען,
אָ, לאָז זיי מיין אָטעם, דעם שטילען, צעבלאָזען
אין שיין פון לבנה!

און לאָז מיין נשמה פון ערדישער שווערקייט אַנטרינען,
אין בלויען צערינען,
פאַרוועבט זיין אין בלויען, אַנ'אייביגער סוד...
פאַרמישט מיט'ן אָטעם פון גאָט,
זיך וויגען
אין וואָרטלאָזען ניגון
פון שטילע, אומענדליכע רוימען,
פון שטערען צו שטערען,
פון הימעל צו הימעל,
פון בלויליכע תהומ'ען צו בלויליכע תהומ'ען.
אין דופק פון שטילקייט זיך הערען,
און פלאַטערדיג טראָגען אין זיסקייט פון דרימעל
צום כסא־הכבוד מיין שטילע מתנה!

IV

## צו מיינע חברים.

אָ, בּוימער און גרעזער און זאַנגען און בלומען!
איך האָב אייער האַרציגען ניגון פאַרנומען
און זינג מיט אייך מיט!

מיין ליד
עס בענקט זיך מיט אייער געזאַנג אויפצוגיסען,
מיט אייערם אַ שירה צוזאַמענצופליסען...
דעם אָטעם, וואָס איך האָב אין אַנדערע װעלטען באַקומען,
אָ, בּוימער און גרעזער און זאַנגען און בלומען,
אַריינהויבּען אייך –
אָ, מיינע איינציגע חברים פון בליענדען רייך!

V

## צו מיינע אידעען.

צי רוען נישט קיין גרינע, שאָטענדיגע פּאַלמען
ביי אייער שטילען, גרינעם ברעג, אידעען מיינע?

צי דרימלען נישט קיין טיפע, פּערעל־פּולע תהומען
אונטער אייער בלויער וועל, אידעען מיינע?

צי האָט איר נישט קיין פרישע, פינקלענדיגע שפּריצען
פאַר מיין מיד־געבראָנטען לייב, אידעען מיינע?

אָ, זייט פאַר מיר אַ בלויער ירדן,
וואָס טאַנצט אַרוים פון זיינע ברעגען
מיט אַ שטראָם אַ שנעלען,
מיט זילבערשוימענדיגע לידער
אויף שמייכלענדיגע וועלען
מיר אַנטקעגען...
וואָס אָפּגעוואַרט האָט לאַנגע יובלען,
געגאַרט אין בלויע וואַסערן צו טובלען
מיינע גלידער!

אָ, זייט פאַר מיר אַ שטראָמענדיגער ירדן,
און היילינט מיך מיט בלויער טיפקייט, אידעען מיינע!

VI

## צו מײַנע חלומות.

פֿאַרזאַמעלט אײַך, חלומות מײַנע,
און טרוימען קומט אַהער!
און קומט אַ יעדער מיט זײַן טענה,
אַ יעדע מיט איר טרער!

פֿאַרבראָגז׳ט זענט איר נאָך, פֿאַרטרויערט —
טוט אָן אַ יום־טובֿ קלייד!
איך דוכט: אויף אײַך מײַן אומחן לויערט—
קומט טאַנצענדיק אין פֿרייד!

איר האַלט אַ פֿינגער אויפֿ׳ן שטערן,
קומט שמייכלענדיק און מילד!
אָ, קומט, ווי פֿינקלענדיקע שטערן,
ווי וואָלקענדלעך באַגילט!

און, קומט פֿון הימעלבלוי צו שוועבען,
פֿון פֿעלד, פֿון וואַלד, פֿון טייך!
פֿון אַלע ווינקלען פֿון מיין לעבען —
אַהער פֿאַרזאַמעלט אייך!

געטון אַמאָל אַ בייזען שמייכעל,
געזאָגט אַ קרומעם וואָרט —
אָ, קינדער מיינע, זייט מיר מוחל,
אַ פֿאָטער בין איך פֿאָרט!

אַהער איך וויל אייך איבערבעטען
כאָטש אויף מיין טויטען בעט,
איך וויל אייך האַלזען, קושען, גלעטען
און צערטלען אייך צו זעט!

אַ רגע נאָך... אויך איך בין חלום —
מיט אייך אין בלויער ווייט;
אַ רגע נאָך—הבל הבלים...
און קריעה רייסט די צייט!

VII

## צום פרילינג.

אַ זינגענדיגער געה איך, פרילינג, דיר אַנטקעגען:
דו שיקסט פאָראוים שליחים—בלומע, מילדע ווינטען —
אָ, קום, אויף אייביג וועל'מיר חבר'שאַפט פאַרבינדען
און ווי חברים מרייע האַנט אויף אַקסעל לעגען!

כ'וועל גלעטען מיט מיין פינגער דיינע גרינע לאָקען
און שעפען נחת פון דיין גליענדיגען נאַקען
און אָנקוקען צו זעט די יונגע בלומענבאַקען,
דען לאַנג האָט מיך דער ווינטער מיט דיין טויט געשראָקען!

נון, שמייכלען אַלע בוימער זוניג אונז אַנטקעגען
און ס'זינגען אונז לכבוד אַלע פויגעל כאָרען,
מיט טאַנץ מקבל־פנים איז אונז יעדעם וועזען —

יום־טובים גרייטען זיך פאַר אונז אויף אַלע וועגען,
היינט ווערט ביי מענש און פרילינג חבר'שאַפט געבאָרען,
אָ, קום, מיט חבר'קראַפט וועל'מיר די וועלט דערלייזען!

# וואלדגעואנגען.

## VIII

# אין וואַלד.

א גאַנצען טאָג האָט בלויער ווינט
אין וואַלד אַריינגערעט,
גערופען:—קינד, קינד, קינד...
געגלעט...
און סאָסנעס וויגען זיך און וויגען
און זומען מיט'ן ווינט אַ ניגון
און ציטערן מיט גלאַנצענדיגע נאָדלען אין דער זון צעגליט
און בלייבען אָפּט פאַרטראַכט און מיד
און אָטעמען מיט קאַליפאָניע דופט...

איצט רויטלען זיך די סאָכנעס אין דעם זונפֿערגאַנג,
הרטה וועקט אין זיי דער פֿויגעלקלאַנג,
זיי שטעהען ווי פֿאַר זיך אַליין פֿאַרשעמט און באַנג
און שטיל פֿאַרטראַכט.
אין ראָזען שאָטען האָט אַ מיידעל זיך צעלאַכט
און סאָסנעס ווי צו זיך געקומען
הויבען ווידער אָן צו ברומען
זייער ליד.
אַ פֿליגעל פֿלאַטערט אין אַ צווייג. אַ פֿויגעל פֿליט.
דער בין־השמשות־זינגער האָט מיט לידער
שטאַרקער זיך צעקלינגען
און טרעלען, ווי די שמעטערלינגען
פֿלאַטערן אין לופֿט
און יאָגען זיך,
און פֿאָרען זיך,
און איילען צו געבאָרען גיך
און טראָגען זיך
פֿאַר׳שכור׳טע אין ראָזליך־בלויער ווייט..

און אין דער טונקלער טונקעלקייט
אנ׳עבֿאָ ווידערשאַלט,
פֿאַרפֿאַלט...
און בוימער און גרעזער און שאָטען און שטראַלען,
זיי אַלע, אַלע מאָנען שטום פֿון נאַכטיגאַלען
נאָך, נאָך, נאָך...
און אונטען, אין דעם גרויען מאָך
אַ רויטער שטראַל צינט אָן זיין גאָלדנעם חן,
און טאַנצט
און גלאַנצט
באַלייבּט אין לעצטער רגע פֿונם אונטערגעהן
אַ געלינק שוועמעל,
אַ מוראַשקע געזעמעל,
אַ מאָבּיג לילאַ בלימעל...
און פֿון די ראָזקייטען פֿון הימעל
זומט און זומט
און אויף די בלינקענדיגע פֿליגעל קומט
אַ גאָלדענע, פֿערליבּטע פֿליג ——
וואַרפֿט צו צום לילאַ בלימעלע אַ בליק,
דערנענטערט זיך אַ ביסעלע,

און שטיל פֿאַרנויגט
דערלאַנגט אים שלום מיט איין פֿיסעלע
און רוט אַ ווייליִנקע פֿון דער נסיעה אָפּ
און לאָזט אַ גאָלדען שנאָבעלע אין בלעטעלע אַראָפּ
און וויגט — און וויגט — און וויגט —

## IX

# א חלום.

שטיל וויגען זיך סאָסנעס, זיס ציטערן נאָדלען
מיט גאָלדענע שמייכלען באַשטראַלט,
זיי וויגען זיך שכור פון אייגענע דופטען,
געגלעט פון די ווינטלעך אין וואַלד!

די סאָסנעס די הויכע, ווי ברומען נגונים,
וואָס הערען צערינען אין שיין —
עס וויגען זיך שאָטען אויף ליכטיגע גראָזען
און וויגען אין דרימעל מיך איין.

באַגילדעטע וואָלקענדלעך שוועבען אין בלויען,
אַ וואָלקענדעל שווימט צו מיר צו:
אַ זילבערן בעטעל, אַ פורפורנע קישען,
דו דרימעלסט, דו חלומ'סט אין רוה.

עס פֿאַליען די האָר זיך אַריבער די ברעגען,
דיין שטערען אַ ראָזקייט באַגלאַנצט,
און צווישען די ברעמען, די נאַכטשוואַרצע ברעמען
אַ זילבערן פֿייערל גלאַנצט.

עס ציטערט אַרום דיינע מאָרגענרויטליפּען
אַ שמייכעלע־האָניג און חן—
און איבער די בריסטען, די מילכווייסע בריסטען,
זוי בלויליכע ווינטעלעך ווייה׳ן!

איך ציטער פֿון זיסקייט, איך פֿאַל אויף די קניען,
באַריר מיט די ליפּען דיין חן ——
און נעלם דיין בעטעל, די וואָלקען צערינען,
איך בלייב מיט די סאָסנעס אַליין!

X

## וואַלדגײַסט.

מיט יעדער סאָסנע אײַנגעלעבט
אין יעדען שאָטען אפּגערוט ,
אין יעדען גרעזעל אײַנגעוועבט
דעם טיק־טאַק פֿון מײַן בלוט!

און מיט דײַן שטילקייט מיטגעטרוימט,
און מיט דײַן ברוױזען מיטגעשױמט,
מיט נאַכטיגאַלען מיטגעשאַלט,
געווען דײַן עכאָ, וואַלד!

און מיט דײַן שטורם מיטגעװיטערט,
און מיט דײַן נאָדעל מיטגעציטערט,
און מיט דײַן טײַבעל מיטגעפּליסט,
צוזאַמען גאָט באַגריסט!

און מיט סאַראָקע מיטגערעט,
און מיטן ווינטעל מיטגעגלעט,
מיט טויענפינקעל, מאָרגענשיין
פאַרווישט דיין בלינדע פיין!

ביינאַכט געוועבט דיין זילבערזייד,
געפינקעלט ליכט און טונקעלקייט,
געגלעט מיט שריט דיין טונקלען שטעג,
וואָס ציט מיך איצט אַוועק?

עס רופט אַ קול אין בלויער ווייט
אַהין, אַהין... אין בלויליכקייט
און העכער פון דיין גרעניץ, ערד,
האָט נאָט מיין וועג באַשערט!

## איך—און דו.

## XI

# דערוואַרטונג.

שוין נאַקעט די פעלדער, די תבואות געשניטען,
פון פּריליננ אָן וואַרט איך דיין קומען!

עס זאַמלען זיך וואָלקען, די דונערן הילכען,
די פויגעל פאַרשטומען,
די בליצען
צעשפּריצען
אַרום מיך בלוי־פייריגע פונקען —
איך האַלט נאָך די בליקען אין וייטקייט פאַרזונקען,
פון פּריליננ אָן וואַרט איך דיין קומען!

XII

## בענקשאפט.

אזוי האט די טיפקייט די בלויע
געבענקט נאך די שטערען
מיט שטערען צו פינקלען אין אייביגקייט!

אזוי האט די שטילקייט די גרויע
געבענקט נאכ'ן מארגען,
מיט מארגענס צו שיינען אין אייביגקייט!

אזוי האט דער ווארטלאזער ניגון
געבענקט נאך די ווערטער,
מיט לידער צו שאלען אין אייביגקייט!

אזוי האט מיין אינערליך באנגען
געבענקט נאך דיין ליבע —
דיין ליבע צו טראגען אין אייביגקייט!

XIII

## טאנצען.

נון, טאַנצען, קינד, קום מיט מיר, טאַנצען —
פאַרפלעכטען דיין פרייד אין אומענדליכע גלאַנצען
פון אייביגקייט!

כ'וועל טאַנצענדיג זינגען דיין נאָמען —
ארייננזינגען אין דיר די גאָלדענע זאָמען
פון אייביגקייט!

און זינגענדיג, וויגען, פאַרוויגען —
דיך טראָגען אין בלויקייט מיט הייליגען ניגון
פון אייביגקייט!

XIV

# דיין נאָמען.

דיין נאָמען פֿאַרטרױ איך די גרינינקע גרעזולעך אין פֿעלד,
דער גאָלדענער זאַנג —
צעטראָגען די ווינטלעך אין אַלע פֿיר עקען פֿון וועלט.
דעם הייליגען קלאַנג!

דיין נאָמען פֿאַרטרױ איך דער ווייסעל, וואָס פֿליסט ביי מיין טריט
דער גאָלדענער וועל —
צעטראָגען די פֿריילִיכע שטראָמען אַ צימערדיג ליד,
דאָס ליד פֿון מיין זעל!

XV

## אַ בייזער חלום.

עס האָט זיך מיר געחלומט
אַ חלום פול מיט שרעק —
ביזט ברוגזדיג געקומען
און שווייגענדיג אַוועק.
און ס'האָט אַ שטומער צאָרען
אין יעדען בליק געגליט...
און נאָכדעם האָט אַ סאָווע
געזונגען מיר אַ ליד;
די סאָווע האָט געפייניגט
מיט אַ שלעכט פאַרלאַנג...
דאָ שוועבען נאָך די שאָטען
און מאַכען מיך ווי באַנג,
זי האָט מיט גרינע אויגען
אין האַרצען מיר געברענט;
זי האָט מיין האַרץ געענדערט,
איך האָב זיך נישט דערקענט!

גורט אָן אַ שרעק אַ ברייטען
און געה אין פעלד אריין —
נעם אָן פאַר ביידע עקען
און שעפּ אָן מאָרגענשיין, —
וועב איין אַ מאָרגענבלויקייט
אין יעדען פאַלב פון קלייד,
אַ שטיל גערויש פון זאַנגען
און זיסע ליבע רייד —
און ברענג צו מיר, געליבטע,
די העלקייטען, די שיין —
די נאַכט האָט מיך געפּייניגט,
פאַרטרייב די שרעק, די פּיין!

XVI

## טרויער.

איך האָב דיין בליק מיט דורשט געשלונגען,
דו האָסט אים אָפּגעקערט —
האָב איך צו דיר מיין ליד געזונגען,
דו האָסט דעם קלאַנג פאַרהערט!

עס בלייבט מיין קלאַנג דערשטיקט אין האַרצען
און אָפּגעהאַקט דאָס ליד...
און פאַר דיין בילד־געהילט אין שוואַרצען—
קניט מיין טרוים און קניט!

## XVII

# אונז בֿינדען צוזאמען.

אונז בינדען צוזאַמען, אונז האַלטען צוזאַמען
די פֿעדים געשפּינען פֿון פֿלייש און פֿון פֿלאַמען,
וואָס גליען אין לייבער און שיינען אין בליקען
און צינדען אין הארצען פֿארחלישט אַנטציקען!...

אָ פֿעדים, איך ציטריגע סטרונעס פֿון ליבע —
פּלאַצט איינע פֿון אייך–ועה איך וואָלקען נור טריבע,
וויינט איינע פֿון אייך–וויינען מיט מיינע לידער,
זינגט איינע פֿון אייך—זינגען מיט מיינע גלידער!

דעם בוֹרא האָט שכינה מיט שענקייט באַגייסטערט,
האָט בוֹרא פֿאַר שכינה אַ שפּינראָד געמייסטערט,
געענדיגט די שפּינראָד, די שכינה נעמט שפּינען —
אַנטפלעקט זיך דער מענשהייט פֿון ליבע דער זינען!

## XVIII

# חוה.

אוּן פֿריה, גאַנץ באַגינען איז אדם געגאַנגען
די פֿעלזיגע געגענד, די פֿרעמדע, באַטראַכטען
און נאַרזיג פֿאַר זיך און פֿאַר חוה׳ן געפֿינען.
און אונטער דעם מיטער, דעם כּרבים באַוואַכטען
זיצט חוה—די גאָלדענע האָר נאָך צעפֿלאָכטען,
אויף פּנים און בריסטען אַריבערגעגאָסען,
און הערט אין דער שטילקייט די מאָרגענגעזאַנגען
פֿון יענער ווייט מיער, פֿון גרינעם גן-עדן,
און קען אין געדאַנק מיט דער היימאַט ניט שיידען.
זי הויבט אָן די ערשטע זכרונות צו שפּינען:
אַט בלאַנקען געריטעלט די עפּעל פֿון וויסען
אין בוים נאָך און נעמען דאָס האַרץ איר געפֿאַנגען;
אַט זעהט זי חדקל, דעם בלויליכען פֿליסען
און טובלען איר מילך-לייב אין לויטערען שפּיגעל;
אַט זיצט זי פֿאַרשאָטענט אין וואַלד פֿון ציפּרעסען,
פֿאַרטונקט ביז די לענדען אין גראָזען און בלומען,
אַט קומט צו אַ לייב מיט אַ פֿרייד אין די אויגען
און לעגט צו איר פֿיס זיך מיט ליבליכען ברומען;
און ס׳פֿליט צו אַ פֿויגעל מיט גאָלדענע פֿליגעל,
און רופֿט איר אַ פֿריינדליכען, ברייטען: „גוטמאָרגען“!

און חוה דערשפּירט איצט אַ שוידער אַ קאַלטען
און הויבט איצט פאַרשטעהן אָן, וואָס זי האָט פאַרלאָרען —
און קען מעהר דעם ציטער אין ברוסט נישט באַהאַלטען,
און חוה צעוויינט זיך מיט ביטערע טרערען.
און פּלוצלינג... זי שפּרינגט צו צום איזוערנעם טויער
און קלאַפּט מיט די פויסטען אין טיר פון גן-עדן:
—„אָ, עפענט, איר כּרבים! איך קען מעהר נישט ליידען,
איך קען נישט פאַרלאָזען, איך קען נישט פאַרגעסען!
„און מעגט איך מיט פלאַמיגע שווערדען צעשניידען
„מיין לייב—קען איך אויך פון מיין היימאַט ניט שיידען!"
דאָס ביטערע קלאַפּען פון חוה'ן דערהערען
די כּרבים, די היטער פון יענער זייט טויער
און שטעלען פאַר גאָט זיך פאַר חוה'ן צו בעטען:
— „דו האָסט זי פאַרוואָגעלט, דו האָסט זי פאַרטריבען,
„פאַרשאָלטען מיט ווייטאָג פאַר ערליכען ליבען,
„וואָס בלייבט פאַר אַ פרייד נאָך דער מוטער פון מענשען?"
דערבאַרמט האָט זיך גאָט אויף דער אָרימער חוה —
אַ מלאך נעמט אָן דאָס געשטאַלט פון אַ פאַווע,
און ברענגט אויף באַשטראַלטע, בונטפאַרביגע פליגעל,
חוץ וואַקסענע ליכטלעך, אויף שבת צו בענשען —
און ווייץ אין אַ לאָגעל, און אַנדרע מטעמים, —
נאָך קינדערשען שמייכעל און פרייד פון אַ מאַמען...

# משיח=קלאנגען.

XIX

## אנטפּלעקונג.

איך קום די גרויע ערד צו טובלען
אין ימים ליכֿט און שיין;
אין ליכֿט, וואָס וואַרט פֿון טויזענד יובלען,
אין העלסטען פֿרייד פֿון זיין!

די שוואַרצקייט פֿון די נעכֿט פֿאַרשווענקען
מיט בלויליך שכֿינה-ליכֿט;
די גרויע דעמערונג, דאָס בענקען
מיט פֿרייד פֿון מוטערפֿליכֿט!

די פֿרייד באַזינגען בלויז מלאכֿים
און גאָט אַליין זי גאַרט —
אָ, איר, וואָס געהט אין מיינע דרכֿים —
איר האָט די פֿרייד דערוואַרט!

אייך טייטעל איך מיט פערלפֿינגער
פֿון אָנהויב שאַפֿונגס-צייט;
אין ערשטען קלאַנג פֿון פֿרייהייטזינגער
באַגריס איך אייך פֿון ווייט!

## XX

# ליכט.

זער האָט מיט האָניג אָנגעגאָסען מיינע גלידער
און אָנשטאָט גיפּט... מיין האַרץ באַשאָנקען מיט
שטראַלענדיגען שיין!

פאַר אייך, פאַר אייך מיין האָניג
אין קלינגענדיגע לידער!
איך קום–אַרום מיר באַלזאַמחינטלעך בלאָנקען —
עס היילט, עס היילט מיין ש טראַל אייך אוים
פון קאָרטשען זיך אין פיין!
נור געגען איירע פייניגער און פיינד,
פעלט מיר גיפט —
פון מיין האָניג האָט זיך אויך אין זייער כּוס
אַריינגעטריפט —
דען איבער זיירע לידען האָט זיך אויך מיין ליכט צעשיינט!

XXI

## ערב שבת.

אריבער וואָלקענטויערן צעפּלאַטער איך
א פלאַמענפאָן
און עפּען דעם גן־עדן ברייט:
איך האָב פּאָר אייך אַ שבת צוגעגרייט —
אָ, קומט און צינט די בענשליכט אָן!

עס וואַרט דער כרוב, דער אַלטער עדן־שומר
און צו דער גרינער ערד
אַראָפּגעלאָזט די פלאַמענשווערד...
עס וואַרטען שטיל די אַלטע עדן־בוימער
און בלויע שבת־ווינטען גרייטען זיך
דער קעניגין די האָר צו גלעטען,
מיט צערטליכקייט צו זעטען
און צו לויבען...
זיי רוישען דאָ און דאָרט אין בוים פון וויסען
די בלעטעלעך אַרומצושטויבען
און ס'מראָגט זיך וואו נישט וואו אַ קלינגען
אָפּגעריסען,
ווי נייע כּאָרען וואָלטען פידלען אָנגעשטעלט:

עס גרייטען זיך די נאַכטיגאַלען מלכה שבת
צו באַזינגען,
צו באַגריסען...

און גרייט
אין ווייסען חופה־קלייד
וואַרט מלכה שבת אין איר בלוי געצעלט;
אין אירע ראָזע אויערן די דימענטאיירינג בלינקען
און ס׳לייכטען זיך אַראָפּ פֿון איר אַלבאַסטערהאַלז
די זיבען שנירלעך פערל;
און אין דער גאָלדענער מנורה מאַכט זי גרייט
אַ ליליענקנייט
און זיבעטען רעדעל...
און צוויי מלאכים טראָגען צו
די סאַפיר־בלויע שטול פֿון רוה,
און איילען זיך די זיבענשטערענדיגע חופה אָנצובינדען
און בלייבען, וואַרטענדיג אויף אייער בענשליכט צינדען,
מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגעל, ווי אין טרוים פֿאַרזונקען...

און פֿון כּסא כּבֿוד הערט זיך פֿרײליך רעש׳ען:
— דעם בּורא׳ס שענסטער חלום!
— די װעלט בּאַקומט אַ תּיקון!
— גיהנום נעמט אַ נ׳ענד!
דער יונגער אבל שטעהט
מיט שענקענדיגע בּליקען
און אויסגעשפּרײטע הענט
בּערײט
מיט קינ׳ען צו שליסען שלום...

אין אַלט־פֿאַרזשאַװעטען לעבּענסבּוים
שפּריצט מיט גאָלד־ און זילבּער־שוים
און אַ ריזלען און אַ רױשען —
עס ציטערן פֿון פֿרײד בּאַשטראַלטע בּלעטער —
אַרומגערינגעלט מיט די אַלטע געטער
קומט אָן אין רעגענבּױגענליכט דער בּורא
און פֿירט געאָרימט שטראַלענדיגען משה׳ן,
װאָס טראָגט אַ בּלױע פֿײער־תּורה
אײך צו געבּען:
מען קומט אײך מתּיר זײן דעם בּוים פֿון לעבּען!

וואָס זוימט איר, אָ, קינדער פֿון געטליכֿען חלום?
וואָס וואַרט איר נאָך? —
צי האָט די וואָך
די מאָס פֿון פיינמינוטען נישט פֿאַרפֿולט
אויף אונזער ערד?
עס ברעכֿט דער וועכֿטער כרב זיין פֿלאַמען שווערד —
אין שוועל פֿון עדן וואַרטען די מלאכֿי שלום
און שיינענדיגע פֿליגעל ציטערן פֿון אומגעדולד!

XXII

# שכר.

איך קום נישט צו צאָלען אייך שכר פֿאַר די ליידען–
איך טייל נישט קיין גאָלדענע שטולן אין גן־עדן...
איך װיל נור פֿון שטערען די רונצלען צעטרייבען,
איך וויל נור די פערלינע טרערען אויפֿקלייבען
און טריפֿען אין כוסות פֿון טיש פֿון גן־עדן
די טרערען געפּערלט פֿון אייערע ליידען...

און הויבט אָן אין לעבענסבוים מאָרגענווינט רוישען,
און נעמען אין וויסענסבוים שאָטען זיך טוישען,
און ווי נור די ווינטלעך די נעבלען צעווייען
און ווי נור צדיקים די פערלען דערזעהען
פֿאַרוואַנדלען זיי תּפֿלה אין פֿרייהייטגעזאַנגען!

און קומען מלאכים דאָ שירה צו זינגען —
דער ניגון, וואָס רייסט זיך צום זיבענטען הימעל
און וויל נור צום כסא־הכבוד דערלאַנגען,
וועט ביז צו די תהום׳ען אַראָפּ אין דער נידער
און וועקען אין טיפֿניש פֿאַר׳כשופֿ׳טע ברידער —
וואָס טרוימען פֿאַרוויגטע פֿון שטן אין דרימעל —
אייך וועט פֿון די תהום׳ען אַ שירה אויפֿקלינגען!

XXIII

## בחנם.

בחנם געבראַכט אייך די שליסלען פון לעבען,
די גאָלדענע שליסלען פון אוצרוֹה פון פולע:
די אוצרוֹת ווער האָט זיי גענאָסען?
זיי בלייבען פאַרשלאָסען...
און איר האָט די שליסלען צום גאָלדשמיד געגעבען,
אַ צירונג צו שמידען דער שווערד פון גאולה,
אַ צירונג פאַר העלדען פון בלוטיגען שטרייט —
און איך האָב אייך לאַנג שוין באַפרייט!

און איך האָב פון לאַנג שוין די שווערדען צעבראָכען,
געלאָזט זיי צום אָבגרונט פון ירדן פאַרזונקען,
און איר שטעהט מיט האַמער און פייער און פונקען,
די שווערדען צו שמידען און שמיט זיך נור יאָכען
און אַרבייט מיט בלאָזזעק, וואָס פאָכען און פאָכען
און ברענגען נור ווינט —
און בלאָזען אייך אַש אין די אויגען
און מאַכען אייך בלינד
און איר ווערט פון חכמה גערונצעלט, געבויגען...
און איך בין דאָס אייביגע קינד!

# א'ד—און מ"ין חבר.

XXIV

## צום פרויענטאג.

איך האָב געטראָגען דאָס מענשענגעשלעפּט
אונטער מיין האַרץ:
די גרויזאַמע הערשעד, די ליידענדע קנעכּט
געבאָרען אין שמאַרץ...
די בליקען פוןביידע מיט ליבע געקושט,
מיט לעפּצען מיט צאַרטע די טרער אָפּגעווישט
פון ביידענס אומשולדיגען בליק, —
איך טרוים איך פאַר אַלע איין גליק!

איך—און מיין חבר
פון טויזענדער יארען באקעמפען געמיינזאם די נויט:
מיר האבען געבויט
מיליאנען פון רויגע דערפ־ער, מיליאניגע רוישיגע שטעט
און פעלדער איוף טויזענדער מיילען מיט תבואה געבענשט
און פארזייט.

באאקערט מיין חבר דאם לאנד —
האב איך מיט מיין האנט
געשוירען די שאף
און געשפינען די פאדים,
געוועבט אינזער שטאף
און גענייט פאר אונז בגדים,
איך—און מיין חבר!
מיר האבען
דעם ביטערסטען כום פון דער ארבייט גענאסען;
מיט שווייס אפגעגאסען
פון אונטער דער ערד אונזער רייכטום געגראבען;
מיט גייסטיגען וואפען —
פון מיר און מיין חבר געמיינזאם געשאפען,
שטאלץ זיך אין הימלען באפליגעלט געטראגען.

— — — — — — — — — — — — — —

די גוטע מלאָכים און טרוימען אוראַלטע
פֿון ליכטיגע וועלטען, פֿון שכינה באַשטראַלטע
דרייסט זיך אין הימלען באַפֿליגעלט געטראָגען
מיט חבריש שמייכלענדען בליק...
איך טרוים אויך פֿאַר אַלע איין גליק!

אָ, טרוימען, נישט בלייבט קיין פֿאַרשעמטע,
נישט בלייבט מיר קיין אייביג געטרוימטע
אַנטפּלעקט אייער שמייכלענדען חן —
איך זעה מיינע קינדער אין בלוטיגע קריגען
קעמפֿען ווי לייבען און פֿאַלען ווי פֿליגען
אָ, לאָזט מיר זיי גליקליך אויך זעהן!

XXV

# אווענט.

אַ, חבר, זינג מיט מיר מיין ליד,
דאָס ליד פון פרייען מוט!

דו ביסט פון וואַרשטאַט מיד געקומען,
דו האָסט דיין אַרבייט אָפגעטון,
פאַרשטומט פון איבערהאַר דאָס ברומען,
ביסט מיד און פריי...
ס׳פאַרגעהט די זון
און אירע מידע, לעצטע שטראַלען
שפּיגלען זיך אין טונקלע שויבען
אין שאָטען ווערט אַ שטראַל פאַרפאַלען
און פריוויט זיך ווי אַ גוסס הויבען—
בלינקט דאָ אַ דרייסטער, ראָזער שימער;
בלאַנקט דאָרט אַ לעצטער ווידערשטראַל
און שאָטען קומען אויף דיין צימער,
דו זעהסט פון טאָג דעם לעצטען פאַל,
אויף מיינע אַקסעל לעג די הענט,
זעה! אין מיין בליק דיין צאָרען ברענט
און טאַפּעלט רוישט מיין בלוט!

XXVI

# באַגעגניש.

דעם אייזערנעם קרייץ פֿון דיין ברוסט נעם אַראָפּ
לייג אָפּ דאָס געווער און די קליידער פֿון קריג,
דעם בלוטיגען שטויב פֿון די פֿיס טרייסעל אָפּ —
צייג ווידער אַן אָפֿענעם, חברישען בליק!

דערקענסט נישט דיין חבר?
די האָר זיינע גרוי,
דאָס פּנים גערונצעלט, געקאָרטשעט פֿון שמאַרץ;
אין שלאַכט האָט נישט איינמאָל אַ בלוטיגער טויט
באַפֿלעקט אונזער בלויליכסטען גלויבען אין האַרץ!

דערקענסט נישט דיין חבר?
פֿרעמד קלינגט דיר זיין וואָרט,
פֿרעמד קלינגט דיר דאָס שטורמיש פֿאַרהייליגטע ליד,
ביסט צולאַנג געגאַנגען מיט הערשער געפּאָרט —
זיי האָבען דיין מוט אויך געפֿאַנגען, געשמיט...

XXVII

## אמת, איך בין שולדיג!

אמת, איך בין שולדיג!
צופיל האב איך זיך דיין חבר'שאפט פארטרויט:
אפגעווארט דיך אומגעדולדיג —
קומסט... עס ציטערט דיר מיין הארץ אנטקעגען
ווי צום ערשטען גלאנץ פון מארגענרויט,
אמת, איך בין שולדיג!
נאך דיין ערשטען שלום־שמייכעל
צוגעאיילט זיך תיכף אויף דיין אקסעל חבריש
די הענט צו לעגען...
נישט דערשפירט דעם פרעמדען ציטער אין דיין האנט
קומסט פון פרעמדען לאנד,
אפגעאט־ווייריך ברענגסטו אין מיין היכל —
אמת, איך בין שולדיג!

XXVIII

# א בת קול.

איך בין נישט קיין קעמפער, איך בין נישט קיין זינגער—
אַ בת קול בין איך פון מיין צייט!
און קעמפט איר דאָס לעבען צו מאַכען זיך גרינגער,
בין איך אייער עכאָ פון שטרייט!

נאָך איידער די פויגעל די קלאַנגען צעטראָגען,
דער ווינט נאָך די סודות צעברומט —
קום איך מיט מיין האַרציגער שטימע צו זאָגען:
— זייט זוערט די דערלייזונג – זי קומט!...

XIXX

# תּפיסה.

איִר האָט מיִך איִן תּפיִסה פאַרשלאָסען,
דיִ פענסטער איִן קראַטען געשמיִדט —
אַ זון האָט מיִט פייער געפלאָסען,
מיִט פייער דיִ קראַטען צעגליִט...

איִר האָט מיִך איִן תּפיסה פאַרשלאָסען,
איִן אייזערנע קייטען געשמיִדט—
אַ זון האָט מיִט פייער געפלאָסען,
דיִ קייטען איִן פייער צעגליִט...

איִר האָט מיִך איִן תּפיסה פאַרשלאָסען,
מיִט ביִקס און מיִט שווערד אָפּגעהיִט —
אַ זון האָט מיט פייער געפלאָסען,
און וועהט: איך ביִן פריי-איִר ווענט מיִד!

# גלות.

XXX

# גלות.

עס גליט אין זונענשיין די גאָלדנע תבואה,
און יעדע זאַנג באַשפריצט מיט בלוט;
און יונגע בוימלעך, דרימלענדיג אין רוע,
און יעדעס צווייגעל טרוימט צו זיין אַ רוט,
אַ רוט פֿאַר מיינע אומשולדיגע שוועסטער=ברידער!
איך שפיר: עס דורשטען נאָך מיין מאַרך די וואָרצלען,
די שטאַמען נאָך דעם בלוט פֿון מיינע גלידער,
און יעדעס בלעטעלע וויל פּאַטשען מיך אין פּנים –
בוימער תלינים!
עס שטעכט מיין בליק אַ יעדע גראָז,
און יעדער שאָטען וויל אין אומעט מיך פֿאַרוויקלען
און פֿאַרוויגען –
די נשמה אויסצוזויגען
און דעם גלאַנץ פֿון מיינע אויגען...
עס רופט אַ יעדער טרויער ניגון
אין בלויסטען מאָרגען אָפּצוריכטען חצות.

## XXXI

# פֿרעמדקייט.

װעל איך אין פֿרעמדע לופֿטען אויסהויכֿען מיין אָטעם?
אַ פֿרעמדע זאַנג באַשפּריצען מיט מיין בלוט?
און טרעפֿט עס... פֿיר איך אויך מיט גאָט ניט קיין משפּטים —
נור זיפּען װעל איך דורך פֿאַרקריצטע ציין
אין יענער בלוטיגער מינוט:
אָ, פֿרעמדע תּבואה, פֿרעמדע ערד,
איר זענט מיין בלוט נישט װערט!

## XXXII

# וואוהין?

וואוהין פֿירסטו ווידער מיך, גייסט?
וואָס טרייבסטו מיך ווידער צום וואַנדערן אַרוים
פֿון רויִגען הויז?

דאָס צימער אויסגעלופֿטערט, אויסגעווייסט
די ווענט, זיי אָטמען פֿריש.
דער הויך פֿון שטיקער חלום שוועבט נאָך אויף מיין בעט
און ציט מיט וואַרימקייט און גלעט...
און אָפֿען לייבט אַ ספֿר זיך פֿון טיש.
איך עפֿען פֿאַר דער ברייטער וועלט
די פֿענסטער פֿריי —
פֿון רחות'דיגען פֿעלד
אָטעמט גרינער ווינט פֿון מאַי...

אַלץ אַרום אַזוי ליב, אַזוי פֿריש, אַזוי גרין —
און איך—וואוהין?
צי האָסטו מיט פֿרעמדקייט מיך ווייניג געשפּייזט?
וואוהין פֿירסטו ווידער מיך גייסט?
וואוהין?

XXXIII

# עלעגיען.

װאָס האָסטו געבראַכט פֿאַר מיר, גאָלדענער פֿרילינג?
װאָס שמייכלען די הימלען מיט קינדישער פֿרייד
און נעמען דעם טרויער אַראָפּ פֿון מיין האַרצען,
דעם טרויער, װאָס האָט מיינע טרוימען אין שװאַרצען
געקליידט?

װאָס האָסטו מיט בלויליכען װיידענס געװייט
אַריבער מיין טרוירענדען קאָפּ –
דאָס גרויליכע אַש פֿון אַבלות אויף אַלע
פֿיר זייטען צעשטרייט...
און זינגסט װי מיט טויזענדער פֿריילִיכע שטימען,
פֿאַר װעמען אַ הימן?
און ברענגסטו אַ בשׂרה, אַ טרייסט –
אָ, זאָג װאָס דו װייסט,
אָ, אייל מיט דיין היילענדער גאָב!

וואָס האָסטו געבראַכט פאַר מיר, בליענדער פרילינג?
דו קענסט נור פאַרדעקען מיט גרינליכען זייד
דאָס בלוטיגע פעלד...
דו קענסט נור באַצירען מיט בליטען די תליה...
דעם בוים,
דאָך קענסטו נישט היילען מיין טרוים
און ווידער מיר געבען מיין ברכה צו בענשען
די בלוטיגע וועלט,
וואָס איך האָב איר גליק נור געזוכט
און איך האָב... — — פאַרפלוכט!

XXXIV

## ערד...

װען דײַן אױג פֿאַרלױפֿט מיט קריגערישען גלוט
און דײַן פֿאַרטוך טריפֿט מיט בלוט,
אָ, מאַמע, ערד!
פֿײַנט האָב איך דיך דעמאָלט, פֿײַנט:
מיר דוכט: דו ביסט נישט װערט,
נישט די העלע זון, װאָס דיך באַשײַנט;
און נישט דעם שטערען, װאָס בײַנאַכט זיך צינט;
און אױך נישט מיך, נישט מיך—דײַן קינד!

און פֿון די בלױע טיפֿקײַטען האָב איך צו דיר געבענקט,
די בלױע פֿליגעל דיר אַװעקגעשענקט,
די בלױע פֿ׳יגעל פֿאַר אַ קרבן דיר געבראַכט...

אין יענער פינקלענדיגער נאַכט
אַ מלאך מיט אַ לויטערן געזאַנג,
אָ, צוגעפאַלען בין איך צו דיין זאַפטיג גראָז
אַרום אַ בוים דאָס האַרץ געטוליעט, ווי אַ שלאַנג —
און נישט אַ בייזען גיפט —
אַ ליבטיגע נשמה אויסגעטריפט!
און יעדעם שפעלטעלע,
און יעדעם בלויזעלע
געוואָלט מיט האָניג פון מיין האַרץ אָנגיסען;
אין יעדען בלעטעלע,
אין יעדען גרעזעלע
מיט לעבעדיגען אָטעם פליסען;
פאַר יעדען פליגעלע,
פאַר יעדען ווערימעל
געבראַכט מיין רחמים — אַ געשאַנק...
נון, שטעה איך לער און אויסגעשעפט,
דאָס האַרץ ווי אָפגעלעבט,
און לעדיג דער געדאַנק
און בענק און בענק... ווער ווייסט וואוהין? צו וואָס?

בחנם האָב איך זיך צו דיר געטוליעט, ערד!
דו ביסט די ווייטאָגדיגע בענקשאַפטען ניט ווערט...

XXXV

# גרויקייט און רעגען.

נור גרויקייט און רעגען, נור גרויקייט און רעגען –
די וואָלקען פֿאַרוויען די הימלישע וועגען,
די וועגען פֿון זונאויפֿגאַנג־בלייך און פֿאַריבען,
פֿון בלויקייט און שטראַלען־קיין זכר געבליבען!

און פֿעדימלעך גרויע, פֿון רעגען געשפּינען,
פֿאַרבינדען די וואָלקען מיט תּבֿואות, וואָס גרינען;
און וועבען אַריין אין די גרעזער און זאַנגען
אַ גרויקייט, אַ פֿרעמדקייט, אַ טונקעלעס באַנגען!

עס אָטמען די קוימענס מיט לעבליבֿע הויכֿען,
ס'באַגריסען די וואָלקען פֿון באַנהויף די רויכֿען –
פֿון גרויקייט און רעגענס פֿאַרוועבט זיך אַ תּמיד;

און ס'זינגט מרה־שחורה, די מלכּה פֿון אימעט,
אין טונקעלע שאָטענס אַ גרויליבֿען ניגון
און וויל מיך אין עלענדער גרויקייט פֿאַרוויגען...

# אלול־ווינטען.

## XXXVI

# אלול=ווינטען.

אלול=ווינטען, טרויערזינגער,
ווי מיט קאַלטע וואַסערפינגער,
רירען אָן מיין האַרץ:
ווידער הער איך שופר בלאָזען,
עבֿאָם אלטע, פֿון פאַרצייטען,
רופען, לאָקען מיך פֿון ווייטען —
קומען זאָל איך מיט מיין טרויער
אין דער אַלטער שול דער גרויער
און מיין נייעם וועג פֿאַרלאָזען,
דעם וועג פֿון קאַמף און שמאַרץ...

פֿאַלטע, קאַלטע אלול־קלאַנגען;
אייער נעץ וועט מיך נישט פֿאַנגען,
כ׳קער זיך נישט צוריק...
קורצער ווערען זונענשטראַלען,
בלומען וועלקען, בלעטער פֿאַלען,
גרוי, פֿאַרלאָזען פֿעלדער, בוימער...
ווי אַנ׳אבֿור, אַ געהיימער
וואַלטדראָם שענסטע אויפֿגעקליבען
און פֿון היימאַט ווייט פֿאַרטריבען,
באַ׳גזל׳ט רוה און גליק...

כ׳בין אין שטורמטעג געבאָרען,
כ׳טראָג אין זיך דעם שטורמס צאָרען,
פֿרייען אָדלערס מוט!
כ׳האָב געווינג חברים טרייע,
פֿליגלען ברייטע, העדצער פֿרייע —
און אין שטאַרקען פֿליה, אין הויבֿען,
העכֿער פֿון די בלאַסע נויטען,
הויך, אין מאָרגענפֿלאַם דעם רויטען
ווערלמיר אונזער פֿעלז דערגרייכֿען,
ווען שטורמיש רוישט דאָם בלוט!

XXXVII

## אלול־ווינט.

האָט זיך אלול־ווינט צעהוליעט,
ציטרען גרעזלעך צוגעטוליעט
צו דער מוטער־ערד...

בעטען בלעטער אויף די בוימער;
— גאָטעניו, דו זיי אַ שומר!...
אַך, ווער הערט?... ווער הערט!...

און די געלע, קראַנקע, מידע
קלאָגען ציטריג זייער ודוי,
גרייטען זיך צום טויט...

אין די זון האָט זיך באַהאַלטען
און די גרויע וואָלקענשפּאַלטען,
נישט צו זעהן די נויט!

און דער ווינט, ער בלאָזט זיין שופר:
— ווייסט! איר זענט אָפּר ואפר...„
נישטיג אייער צייט!

און אין הוליען, אין צעברויזטען,
רייסט ער בלעטער גאַנצע פּויסטען,
שמעטערט זיי אין ווייט!..

# אלול.

אַ יאָר נאָך אַ יאָר און אַ שניט נאָך אַ שניט,
און אלול בײַ אלול װערט טרױריג מײַן ליד,
אָ, טרױריג און באַנג...

די תבואה אין שײַער מײַן האַרץ נישט דערפרײט,
עס מערט נור מײַן טרױער די לעדיגע בײט,
צעטראָטענע זאַנג...

דאָס פעלד, װאָס פאַרלירט איצט דאָס ליבסטיגסטע קלײד;
די לאָנקע די גרינע אָהן פרישקײט און פרײד,
אָהן בליונג און שײַן...

כ'זעה: אױסגעשעפּט האָט זיך דאָס שטראַלענדע גליק
פון יענער זײט פענסטער, אַרום מײַן פאַבריק —
דאָס מערט נאָך מײַן פײַן!

און שטעביגער גרילצט נור די ראָד, די מאַשין,
און לעבערט מײַן האַרץ און מײַן גאָט און מײַן זין,
צעברעכט מײַן פאַרלאַנג...

אַ נעבעל אַ גרױער מײַן זעלע פאַרהילט...
אַ פרילינג, אַ זומער בײַם ראָד, אַך, פאַרשפּילט.
װי טרױריג און באַנג...

XXXIX

# דער בױם.

געיאָמערט האָט דער בױם אַ גאַנצע נאַכט
אַ אימה׳דיגען װדוי:
אַ טוּמשרעק האָט זײַן גרינקײט געל געמאַכט...
ניין, שטעהט ער שטיל, אין זיך פֿאַרטוּן.
עס שײנט די מאָרגענזון
און לינדערט נישט זײַן טרױער,
עס װײַט פֿון יעדען צװײַגעל אומעט, שװער
און בלעטער הענגען שװײַגענדיגע, מידע
און פֿול מיט שטומען פּײַן...
און אפשר אויך מיט קנא
צו גרעזלעך גרינע,
װאָס מורמלען שטילע
אַ מאָרגענתּפילה
אין זונענשײַן...
אָפֿט טרײסעלט דורך זײַן לײַב אַ ציטער—
זכרונות פֿון אַ בײזען חלום:
דער שװאַרצער העקער הױבט די בלאַנקע האַק,

וואָס שפּרייט אַרום אַ קאַלטע שיין...
כאַפּעלט מיט שטורמשטימע:—ודוי זאָגען!..
און צווייגען הויבען אָן צו קלאָגען:
—„אוי, מאַמע, טאַטע!“—און בלאַט פאַרגעלט —
עס שניידט די האַק אין לייב זיך איין...
און ס׳ווערט דער שטאַם פון וואָרצעל אָפּגעטיילט
און פאַלט אַראָפּ אין שוואַרצען, אומענדליכען זאַק...
נון, מורמעלט יעדעס בלעטעל ביטער:
— הבל הבלים!
ווי אָפּגע׳גזל׳ט וואָלט די נאַכט
צוזאַמען מיט דער גרינקייט פון זיין טראַכט
דעם אינהאַלט פון זיין לעבען —
עס לויערט אין זיין האַרץ
אַ טויטשרעק שוואַרץ,
און וואָס, וואָס קען דאָס מאָרגענליכט אָפּגעבען
אַ וועלקענדיגען בוים?
וואָס העלפט אַנטקעגען טויט אַ גאָלדנער טרוים!

## XL

# ווייטאָג און רחמים.

זעה איך אייך וויינען, זעה איך אייך בעטען,
זעה איך די טרערען אין אייערע אויגען,
זעה איך די הענט אייך צום הימעל פאַרשפּרייטען,
גלייך ווי די בוימלעך אין שטורם זיך בויגען —
הער איך אייך זינגען דעם ניגון דעם אַלטען,
ציען די האַרציגע, טרויריגע קלאַנגען —
שפּיר איך אין זיך ווי אַ שווידער אַ קאַלטען:
ווייטאָג און רחמים אויף אייערע פאַרלאַנגען...

XLI

## די אַלטע תּפילה.

נאָך אַמאָל: דער אַלטער סידור
אין אַלטע, צײַטערדיגע הענט;
אַלטע בלעטער מיש איך ווידער
און ווידער גערט אַ יאָר צו ענד...

נאָך אַמאָל: די אַלטע תּפילה,
דאָס אַלטע שלאָגען זיך: „על חטא"...
ווידער שלינג איך טרערען שטילע
אוי, נאָך אַ יאָר פֿון שווערע ליידן!

נאָך אַמאָל: די זינר דערמאָנען
ביים גרינעם ברעג פֿון קלאָרען טייך —
גישט פֿרעג: וואוהין ער פֿליסט, פֿון וואַנען?—
דיין לעבען פֿליסט מיט אים צוגלייך!

## ב.

אָ, ניין, גאָר אַנדערש פֿליסט מיין לעבען,
אַנדערש ווי דער רויער שטאָף;
מיר איז אַנ׳אָדלערגייסט געגעבען —
אַ גייסט פֿון מעשים אָהן אַ סוף...

מיט נייע טאַטען קומט מיין מאָרגען,
מיט יעדען טאַט—אַ ניי געזאַנג!
ביסט, אייביגקייט, אין מיר פֿאַרבאָרגען;
מיין צייט, מיין טאַט—דיין ווידערקלאַנג...

אָ, צייט, דו מוזט מיין עבֿאָ טראָגען —
ווי ס׳גיט מיין עבֿאָ אָפּ דער וואַלד;
און ווערט אָן דיר אַ טרוים צעשלאָגען —
אַ נייעם טרוים מיין טאַט באַשטראַלט.

## XLII

# אַלטע יום־טובים...

אַלטע יום־טובים, אַלטע יום־טובים,
קומען ווי אָרימע, בעטלענדע קרובים
און קלאַפּען מיר אָן אין מיין טיר —
טרוקענע בליקען, ברעמען גרייזגרויע,
ציטריגע הענט, און ליפּען ברוינבלויע,
באָרוויסע פּים און צעשאָטענע בגדים —
מער ווי זכרונות פון אַלטע חסדים
וואָס קענען זיי ברענגען פאַר מיר?

# חשבון-הנפש.

XLIII

# יום-הדין.

איך וואַרט נישט אָפּ דעם צענטען תשרי-טאָג —
די מעשים וואויג איך תמיד אויף אַ וואָג,
מחשבות שטעל איך תמיד פֿאַר אַ דין —
עס משפּט שטרענג אַן אינערליך: — „איך בין!"

כל-נדרי-ניגון קלינגט אין מיין געדיכט,
און יעדער שטערען — אַ יום-כפּור-ליכט!
און פֿאַסטען פֿאַסט איך יעדען אויגענבליק —
אַך, נהנה בין איך זעלטען פֿון אַ גליק!

איך קלאָג צוזאַמען מיט'ן ווינט: „על-חטא!"
דער עכאָ יעדעס וואָרט צו גאָט באַגלייט —
נעילה ברענגט מיר יעדער זונפֿאַרגאַנג,
און שופֿר בלאָזט מיין שמש, דער געדאַנק!

און גוטס און שלעכטס געוואויגען אויפ'ן קווינט —
פֿאַרגעבען ווערט מיר קיינמאָל נישט קיין זינד,
און שטראָפֿען שטראָפֿט מיין חלום און מיין וואָר,
און יעדע רגע הויבט זיך אָן מיין יאָר!

## XLIV

# משפּט.

און יעדע רגע זײ מקבר זיך אַליין,
און פֿאַר דיין קבר גרייט זיך דיין מצבה־שטיין
און יתום־קדיש זאָג... און זעה זיך ועלבסט אין מרוים;
און בלאָנדזשע, בלאָנדזשע איינזאַם אין אַ תהו־תהום.

דיין מלאך־הדומה זײ—און פֿיר זיך זעלבסט צום דין;
און פֿאַר אַ שופֿט שטעל דיין אינערליך: איך בין!
און טענה ווי אַ שטן געגען זיך אַליין,
און ליב דעם קאַמף מיט זיך—און ליב דאָס אונטערגעהן!

XLV

# א תּליון.

ס׳האָט מיין גורל פֿאַר אַ תּליון מיך געמאַכט:
בויע איך די תּליה אין דער שוואַרצער נאַכט,
הויבט נור אָן צו גרויען, פֿאַר׳ן זונאויפֿגאַנג,
צאַפּעלט אויף דער תּליה–נעכטיגער געדאַנק!

רו ביסט, מיין האַרץ, אַנ׳אַכזר, אויסגעשמידט פֿון שטאָל;
ווייסט נישט פֿון קיין רחמים, טוסט דיין אַרבייט בלינד:
קווענקלען זיך–אַ שוואַכקייט! מוחל זיין–אַ זינד!
שאַפּונגען פֿון נעכטען, אָדער פֿון אַמאָל,
צאַפּלען זיי זיך, לאַכסטו,
גרויזאַמקייטען טראַכסטו,
און דיר איז גאָרנישט באַנג...
יאָ, דעם טויט פֿאַרלאַכסטו
פֿון אייגענעם געדאַנק!...

איך ליב מיין רויטען מאַנטעל–תּליון וויל איך זיין! —
וואָס אַרט מיך אַ צאַפּעל, אַ ציטער, צי אַ פּיין! —
ס׳צאַפּלען זיך אויף שטערען–לעשען זיך ביינאַכט...
איך טו מיין שליחות–אין דעם באַשטעהט מיין מאַכט!

XLVI

# אײבּיגקײט...

וואָס דריקט אוים דײן וואָרט? און וואָס זינגט אוים דײן ליד?
אײן װעלכּעל אין שטראָם פון אַ מענשליך געמיט,
אײן פונקעל אין תהום פון די מענשליכּע לײד,
אַ פליה און אַ גליה–און דאָס לעבען פאַרגעהט!

פאַרלירט וואָס אַ שטראָם װען אײן װעלכּעל צערינט?
פאַרלירט וואָס אַ פלאַם װען אײן פונקעל פאַרשווינד?
און וואָס טײט דײן וואָרט אין דײן חלום און וואָר?
און וואָס זוכט דײן האַרץ אין אומענדליכּע יאָר?

אַ װינטער, אַ פרילינג, אַ זומער, אַ האַרבּסט ––
פירפאַרבּיג די יאָרען... דו לעבּסט אָפּ און שטאַרבּסט;
און לינדערט דײן ליד אויף אַ רגע דײן נויט,
צי װערט פון דײן וואָרט דען דײן טויט נישט קײן טויט?

און נאָכדעם: אַ דענקמאָל... אַ מענש האָט געלעבּט:
געאַרבּײט, גע'חלומ'ט, געליטען, געשטרעבּט,
געזונגען פון פרײד און געפּינסטערט פון פּײן
און נאָכדעם: אַ מענש קען דאָך אײבּיג נישט זײן!

דער טויט האָט זיין אָטעם מיט נעבלען פֿאַרוויִשט,
דער טויט האָט זיין שמייכעל מיט שטראַלען צעמישט,
פֿאַרלאָשען זיין בליק און פֿאַרקילט אין דאָס בלוט,
זעה: אונטער דעם בערגעל... דיין שטערבליכקייט רוט!

דער מענש האָט געהייסען... דיין נאָמען דערמאָנט.
דער מענש האָט געזוונגען... דיין ליד איז בעקאַנט!
דער מענש איז נישטאָ מער... מיליאַרדען צוגלייך:
נישטאָ מער... אַ שטראָם אין אַן'אייביגען טייך!

און וואָס איז דיין מרייבט?–„עס לעבט אייביג דיין גייסט?
דו האָסט זיך אין טונקעלען תהום דאָ געפֿלייסט
צו פֿינקלען, ווי פֿינקלענדע שטערען, מיט ליכט"...
אין וואָס לעבט דיין גייסט? אין דיין וואָרט, דיין געדיכט...

וואָס דריקט אויס דיין וואָרט? און וואָס זינגט אויס דיין ליד?
איין וועלכעל אין שטראָם פֿון אַ מענשליך געמיט.–
און לינדערט דיין ליד אויף אַ רגע דיין נויט,
צי װערט פֿון דיין וואָרט דען דיין טויט נישט קיין טויט?

## XLVII

# גליק?..

און דאָס הייסט גלִיק? אָט דאָס הייסט גלִיק?
אַזעלכע פֿייערלעך און בלִיק?
אַזאַ מוזִיק!
אַזאַ טִיק-טאַק, אַזאַ טִיק-טאַק
אִין גלִיענדִיגען בלוט?
און מִיליאָנען בענקען נאָך אַזאַ מִינוט?
און האָבען לִיב
דִי רויטלִיכקייט פֿון לִיפּ,
דִי ראָזלִיכקייט פֿון באַק,
דאָס צִיטערן אִין ברוסט,
דאָס שכּור'ע פֿאַר'חלִיש'טקייט פֿון לוסט,
דאָס פֿאַרזונקען זיין אִין זִיך,
דאָס באַטרונקען זיין פֿון „אִיך"...
דאָס גוסס'דִיגע צאַפּלען זִיך איין אויגענבלִיק —
און דאָס הייסט גלִיק? אָט דאָס הייסט גלִיק?

XLVIII

## דער רודער.

דער טיק-טאק פון מיין אייגען בלוט פרעגט אפ מיט ציטער:
דו האסט זיך מיט דיין גייסטיגקייט גע׳בריה׳ט און געגרויסט—
ווער האט דיין בלוט צעברויזט?
און ווער האט, ברודער,
ארויסגעריסען פון דיין האנט דעם רודער?
דיין בלוט מיט ווינט געשפייזט?
דו רופסט צו הילף דיין גייסט —
און ווער פארוואלקענט דיר דיין מוט? ווער ברענגט דיין בלוט-געוויטער?

## XLIX

# בלאָנדזשען.

און אפשר בלאָנדזשע איך?
מיך נאַרען די שטראָמיגע וועגען,
די נעבלען בלענדען מיך,
איך זעה נור אַ דמיון פון ברעגען...

און אפשר בלאָנדזשע איך
פון וועלען אויף וועלען געטראָגען?
די וועלען בייטען זיך,
נור נישט פון מיין רודער געשלאָגען...

די וועגען נעבלען זיך —
עס לעשען זיך בלינקענדע שטערען—
און וואוהין בלאָנדזשע איך?
...שרייען?... און ווער וועט מיך הערען?

L

# תהלים.

נעם איך וויינען, נעם איך בעטען,
נעם איך תהלים זאָגען:
יעדעס וואָרט באַקלאָגט זיין טויטען —
ס׳קען פאַר מיר נישט קלאָגען...

ס׳קען נישט קיין שום וואָרט באַנעמען
מיין פאַרצווייפעלט וואונדען —
ס׳הויבט נור אויף צו מיר די ברעמען,
שטעהט עס פאַר אָפגרונדען...

תהלים-ווערטער, האַלבגאַיווע
אָנגעטהון אין שוואַרצען
קומען ווי אבלים, שבעה
אָפריכטען אין הארצען!

LI

## וואוהין?

איך בין פאַר זיך אַ רעטעניש
און קען זיך נישט דערגעהן:
פון וואַנען קומט די פינסטערניש
ווי נור איך בלייב אַליין?

וואוהין פאַרשווינדען פנימ׳ער,
חברים, גוטעפריינט?
וואוהין פאַרפליסען ליבערייד
און פרייד וואוהין פאַרשיינט?

און דו, דו ליבסטע, פריילי̇כע, —
וואו קומט אַהין דיין חן?
פון וואַנען קומט די פינסטערניש
ווי נור איך בלייב אַליין?

ווי אין עגלות פינסטערע
באַגלייט פון אַלטע לייט
אין טונקעלטריבע אָווענטען, —
וואוהין טראָגט מיך די צייט?

# אין דער מדבר.

LII

## פראַגמענט א.

(איך און מיין שאָטען).

דער ווינט האָט דער מדבר די לאָקען געקאַמט,
געטרייסעלט צום הימעל, ווי האָר בלאָנדע, זאַמד.
געזונגען דער מדבר אַ הארציגען לויב,
געברומט ווי מיט טויזענדער טויבען אין שטויב,
וואָס האָט זיך מיט גאָלדענע פונקען צעגליט,
ווי׳אַ פלאַמיגער סנא וואָלט דאָ פונקען געשיט
און בלייבען פאַרבאָרגען אין שטויביגען תהום —
פאַרטרונקען אין זינגענדען שטויב פון אַרום.
און איך פאַל דאָ כורעים... דאָס פנים אין זאַמד,
און פעסטער פאַרדעק איך מיין בליק אין מיין האַנט
און שריי, ווי פון פאַרכמטיגען חלום און רוף:
— „גינגאָלדענע פונקען פון שטויביגען גוף,
„דו דראָבנינקער אָפּפאַל פון דאָרען אין פלאַם,
„פון אייביג־פאַר׳סודות׳טען גליגען שטאַם,
„גינגאָלדענע שפורען פון פייריגען סוד —
„צי גליט נאָך אין דאָרען דער פלאַמיגער גאָט?"

דער טונקעלער שאָטען, וואָס געהט מיט מיר מיט,
און מיידט אויס די זון, און פֿון ליכט זיך פֿאַרמייד,
און ליגט נעבען מיר אין דעם שטויב דאָ באַזייט,
שטעהט אויף פֿון זיין אָרט, רייסט זיך אָפּ פֿון מיין טריט,
ווערט פֿינסטער ווי נאַכֿט, ווי די בלינדקייט אַליין,
הויבט אָן אַרום מיך ווי אַ בלינדער צו געהן,
אַזוי ווי פֿאָראויס וואָלט ער טאַפּען דעם וועג...
אַנ׳אימה באַפֿאַלט מיך, איך ציטער און פֿרעג:
— „רייסט אָפּ דיך, אָ שאָטען, דער ווינט פֿון מיין טריט,
„צי האָבען די פֿונקען זיך צופֿיל צעגליט
„און לאָזען דיך דאָ נישט באַקומען דיין רוה?
„צי ווילסטו אַ גאָט זיך, מיין שאָטען, אויך דו?״
דאַן בויגט איבער מיר זיך זיין טונקעל נעשטאַלט,
הויבט אָן מיט אַ שטים פֿון אַנ׳עכאָ אין וואַלד,
און ס׳דוכט מיר: די קלאַנגען ברומט-אונטער דער ווינט:
— „דיין טאָג פֿון געבוירען באַצייכענט מיין וועג,
„בן-אדם!— איך זוך נישט, דען דו ביסט מיין צוועק...
איך:
—„בין איך אויך אַ צוועק? און דו געהסט מיט מיר מיט?...
„בין איך נישט אַ שאָטען ביי געטליכע טריט?״

מיין שאָטען:

— „וואָס ווילסטו, מענש, וואָס פֿרעגסטו, וואָס?...
„צי פֿעלט דיר נאָך אַ ווייפּענבלאָז?...
„אַ בלעטעל דיין פֿאַרוועלקטען בוים?
„אַ שפּינוועבס דיין אַנטקרוינטען טרוים?

„צי נאָך אַ טראָפּען גיפֿט דיין שלאַנג?
„צי נאָך אַ פֿאַרב צום זונפֿאַרגאַנג?
„אַ שאָטען נאָך דיין טונקעלקייט?
„צי נאָך אַ גסיסה־קרעכץ דיין שטרייט?

„וואָס ווילסטו מענש, וואָס בעטסטו, וואָס?
„פֿאַרוועלקען זאָל די בלום, דאָס גראָז?
„פֿאַרציטערן זאָל דאָס ליכט, די שיין, —
„און פֿלאַם איז סנא זאָל אייביג זיין?"

איך:

— „ווי לאַנג וועסטו, שאָטען, מיין אינערליך גאַרען
„צום ביטערען, בריגען, געטליכען וואָרט,
„נאָר פריוועןמיט לופֿטיגע עבֿאָס צו נאַרען?
„פֿון וועןגעהט אַ בת־קול מיט אמת געפֿאָרט?"

מיין שאָטען:

— „דו ווילסט אין דיין גאָט אָפּצובילדען זיך בלינד —
„איז גאָט נישט דיין הארצענס אַן׳אויסגעבענקט קינד?"

איך:

—„מיך בין איך צו זוכן אַ גאָט אין מיין האַרץ —
„דאָרט הער איך נור עכאָס פֿון אייגענעם שמאַרץ,
„פֿון טרוימען אַנטקרוינטע דאָס שטילע געוויין,
„דעם קדיש אויף גליקען פֿאַר זיך נור אַליין...
„און אָפּט אויך דעם יום־טוב פֿון אייגענעם בלוט,
„די שטימע פֿון לייבטזין פֿאַר'שכור'ט פֿון מוט,
„געשאַפֿען פֿון אייגענעם לייב אַ מוזיק
„צו טויבען אַליין זיך אין טאַנצשטראָם פֿון גליק!"

מיין שאָטען:

—„אין יום־טוב פֿון לייבטזין, אין טרויער פֿון שבעה
„פֿאַרנעמסטו דיין געטליך געמיט;
„אין גרויקייט פֿון זקן, אין חנדלעך נאַיווע
„פֿון קינדער... דיין אייביגקייט גליט!

„אין בליק פֿון חברים, אין גליק פֿון באַקאַנטע
„פֿאַרנעמסטו דיין גאָטהייט, מיין קינד!
„אין טריט פֿון גבורים, און וואַנדער געאַנטע,
„אין זינד און—אין גובר זיין זינד!"

איך:

—„מיך האָבען גענאַרט אָפּט די הבר'ישע בליקען,
„מיך האָבען די ליבסטע מיט שמייכלען גענאַרט —

„עס בּרענגט װײַער פֿלאַם נישט מײַן נפֿש קײן תּקון,
„און נישט די גאולה, װאָס איך האָב געגאַרט...
מײַן שאָטען:
—„עס בּרענגען דיר תּקון מיליאָנען געשטאַלטען,
„און יעדע געשטאַלט טראָגט אַ טײל פֿון דײַן סוֹד —
„און דו װילסט אויף אײבּיג דײַן אָפּבּילד באַהאַלטען,
„דיר איז נור דײַן אײגענער אָטעם אַ שאָד!

„דער שטורם, װאָס טראָגט די מיליאָנען פֿון שטױבּען,
„דער צאָרען, װאָס װעקט זיך אין דיר צו אַ פֿרײַנט,
„דער גאָט, װאָס דו זוכסט זיך-אין שאַפֿונג צו גלױבּען—
„צי נור פֿון דײַן אײגענעם אָטעם ערשײַנט?

„און איך בּין מיט דיר גלײַך אין לעבּען ערשינען —
„צום ערשטען מאָל האָב איך דײַן טריט איצט פֿאַרלאָזט...
„און איך װעל מיט דיר גלײַך פֿון לעבּען אַנטרינען,
„עס פֿעלט אין מײַן האַרץ נור דײַן חיה׳שער באָסט —

„און איך בּין דײַן עכּאָ, און איך בּין דײַן שאָטען,
„און איך בּין דײַן איך... און צו דיר דאָך נישט גלײַך!
„איך זעה קלאָר די טאַטען-און קען נישט געבּאָטען—
„דען איך בּין אָנמעכּטיג אין ערדישען רײַך!‟

איך:

„מיין שאַטען?... מיין עבֿאָ?...

שגעון פֿון צייטען,

„וואָס האָבען זיך געגען באַשעפֿער גענרייסט,

„געזוכט אַ גאולה אין בלוטיגע שטרייטען

„און זוכען פֿון יאוש אין זיך איצט אַ טרייסט!

„ניין! איך בין געקומען אַ פֿינגער אַ שווערען

„דער צייט אויף איר שטערען צו לייגען:

„און מעגען די פֿראַגען ווי שפּיזען מיך שטעכֿען,

„דאָס האַרץ, ווי די לוחות פֿון סני צעברעכֿען,

„בין איך נור געקומען אַנ׳ענטפֿער צו הערען;

„און נישט בלויז פֿון אייגענעם עבֿאָ דעם אמת,

„אויף אייגענע פֿריידען און ליידען אַ רמז —

„איך קום נישט בחנם צו פֿרעגען;

# פראַגמענט ב.

(דער חרטום און זיינע תּלמדים).

פֿון רעכֿטס און פֿון לינקס, ווי פֿון צפֿון און דרום,
צוויי שטעכֿיגע ווינטען מיין אויער באַרירען
און נעמען געפֿאַנגען מיך אונטער די אָרים,
אַזוי ווי זיי וואָלטען צום משפּט מיך פֿירען,
און איך ווער געטראָגען — אין בליציגען פֿליען —
אין שוים פֿונ׳ם שטורם — אָהן אייגענעם ווילען —
איך שפּיר נור ווי גלייגע נאָדלען מיך בריען
און בלוטיגע טראָפּענם די וואונדען אַנטהילען:

— ציִ זעה איך דאָ בילדער, ציִ זעה איך משלים?
ציִ זינגט דאָ די גאָטהייט דיין וויגליד, נאַטור?
און אפֿשר פֿון אייביגען הבל הבלים
פֿאַרנעם איך אַנ׳עכֿאָ, אַנ׳אָפּשיין, אַ שפּור...

ציִ יאָגט זיך אַנ׳אָדלער נאָך שנייווייסע טויבען,
וואָס שפּרייטען אַרום זיך אַ בלוויליכֿען שיין?
ציִ פּריִווט זיך מיין דמיון אין אָדלער דערהויבען
און איך שטעך אין טויב דאָרט די נעגעל אַריין...

די שנייווייסע טױבען צעפּליִען ווי בליצען,
צעשיִטען זיך פינקלענדיג־בליציג אין שטױב;
איך זעה נור דעם אָדלער דעם שנאָבעל פאַרקריצען,
ער זוכט אין די ברענענדע נעגעל... זיין רױב!...

ווער שפּיגעלט זיין כח אין אָדלער אין ווילדען,
ווער שפּיגעלט זיין שװאַכקייט אין ברומענדער טױב?
ווער פּרוּװט זיך אין ביידע זיין בילד אָפּצובילדען
און שפּיגלען זיין שאַפונג אין ימים פון שטױב?"...

דעם אָדלער געדריקט צו זיין ברוסט, ווי אַ קינד,
באַלייט פון אַ מחנה הויך־פיסיגע הינט
קומט אָן מיר אַנטקעגען אַ שאָטענגעשטאַלט
מיט גנב'ישע טריט, ווי אַ יעגער אין וואַלד.
אַ ביקס אויף זיין אַקסעל. צום אָדלער זיין בליק,
ווי זוכען וואָלט ער נור אין אָדלער זיין גליק...

עס ווייט ווי אַ בריִענדער שטראָם, מיך פאַרביי
דער שאָטען. און נאָך אים די הינט זיינע, טריי,
הכנעה'דיג, שטום און די אויערן אַראָפּ —
אַ קוק אויף דער מחנה–פאַרדרייט זיך דער קאָפּ;
עס פאַלט אָן אַ שרעק און אַ פראָסטיגע קעלט —
אַ גרוס פון אַ גיהנום'דיג פינסטערער וועלט...

## פראַגמענט ג.

(דער אָדלער).

דער אָדלער.

— „איך בין נישט בלויז אָדלער, אַ פאָרבילד בין איך!—
„עס קומען פיל אָדלער אַרוים פון מיין דיך,
„און איז דיר מיין אמת צו וויסען באַשערט,
„מיין גרעניץ פון וויסען בלייבט תמיד די ערד,
„די ערד ווי זי שפראָצט און זי בליט און זי גרינט
„פאַרינגעלט מיט הימעל און וואָלקען און ווינט,
„צעטיילט אויף אַ ליכטיג און פינסטערען טייל,
„מיט פעלוען פאַר אָדלער–פאַר חיות די הייל"...

איך!

„צי האָט דיך די גרעניץ קיין מאָל נישט געקרענקט?
„צו יענער זייט גרעניץ קיין מאָל נישט געבענקט?"

דער אָדלער:

— „פאַרנאַכט אָפט: איך זיץ ביי מיין נעסט אין דער שטיל,
„אין טונקעלער הייל שלאָפט די ווייב און דאָס קינד,
„אין טונקעלען וואַלד רוישט אין ביימער אַ ווינט
„און יאָגט אָן אַ שאָטענדיג אימה־געפיל;
„עס ווערט אויפן האַרץ אַזוי טרויעריג, באַנג...
"און ס'צינדט זיך אין וואָלקען אַ זונענפאַרגאַנג:

„די טונקעלע כֿמאַרעס צערוויטלען זיך שטאַרק
„און מינען פֿילפֿאַרביג דעם שניישפּיץ פֿון באַרג;
„און נידריג אין טאָל, אין דעם שפּיגעל פֿון טייך
„צעגיסט זיך אַ שאָטען מיט ראָזליכֿען חן ––
„דאָרט טובל׳ט די זון ווי אַנ׳אָדלער זיך ריין,
„דאָרט קומען די וועלען פֿון גאָלדענעם רייך...
„און ס׳דוכֿט מיר: די וועלט וועט אין פֿאַרבען צערגעהן;
„און ס׳דוכֿט מיר: אַ פֿאַרבענשפּיל בין איך אַליין;
„איך בין אויך אַ ראָזליכֿער שאָטען פֿאַרבענקט...
„איך בין אויך אַ שאָטענדיג אָפּבילד, אַ טרוים,
„און עמיץ אַנטפּלעקט מיר דעם פֿאַרביגסטען רוים ––
„ס׳צעשיט אַרום מיר זיך אַ ראָזליכֿער גאַרב,
„און פֿאַרבט מיין נשמה אין ראָזליכֿער פֿאַרב,
„און טיף אין מיין האַרץ—צו דעם עמיץ איך בענק!
„ איך שטאַרק זיך אַליין. און די פֿליגעל צעשפּרייט
„לאָז איך זיך אַהין, וואו אין פֿאַרבען פֿאַרגעהט,
„אין אַלערליי פֿאַרבען די גליִיגע זון ––
„איך שוועב ווי אין חלום–אין עמיץ פֿאַרטון —
„און אונטער מיך לעשען זיך שאָטען אין טייך
„און איבער מיך צינדען זיך שטערענדלעך גלייך...
„איך לאָז זיך אין טאָל און שטייג ווידער אין הויך ––
„איך וואַרף צו די וועלען אַנ׳אָדלער געשטאַלט,
„זאָם פֿאַרבט זיך ווי זיי און אין פֿאַרבען פֿאַרפֿאַלט —

„און ס׳דוכט מיר: אָט=אָט אין דעם עמיק איך גרייך;
„אָט=אָט פֿאַר מיין בליק ווערט דער עמיק אַנטפּלעקט;
„פֿאַרווילט זיך צום נעסט גאָר פֿאַרוואַרפֿען אַ בליק...
„ווי שעהן ביסטו פֿעלז! ווי דו ציסט מיך צוריק! —
„מיין פֿעלז, אַ פֿילפֿאַרביגע פֿרייד דיך באַדעקט,
„פֿילפֿאַרביגע טרוימען פֿון ווייב און פֿון קינד, —
„וואָס פֿעלט מיר ביי אייך? וואוהין שוועב איך אַצינד?“

איך:

„נישט מער? און דו קערסט זיך צו נעסט און צו רוה?
„אַ טונקעלער שלאָף דעקט דיין בענקעניש צו?“

דער אָדלער:

„אַ פֿינסטערע בלינדקייט די פֿאַרבען שלינגט איין
„און נאַגט פֿון דער זון אוים דאָס ליכט, וואָס זי שטראַלט,
„און לעקט אָפּ פֿון פֿעלז און פֿון וואָלקען די שיין
„און מעקט אָפּ די שפּורען פֿון ראָזליכען פֿלאַם
„און ס׳קוקען און ציטרען צעשראָקען און קאַלט
„די שטערענדלעך וויטע אין טיף=שוואַרצען ים
„און ס׳דוכט מיר: דער עמיק מאַכט פֿינסטער און בלינד;
„און ס׳דוכט מיר: דער עמיק די שטערענדלעך צינדט
„און וואַרפֿט זיי אין פֿינסטערן תהום, צום פֿאַרפֿאַל —
„און אָפּפֿערט פֿאַר קריכיגע ווערים דאָס ליכט...
„באַהאַלט איך אין פֿליגעל מיין בליק, מיין געזיכט.

„און טראַכט זיך: כ'וועל קיינמאָל דעם עמיק נישט וועהן;
„אין בליק אים נישט קוקען, זיין נעסט נישט דערגעהן...
„נישט וויסען: צי לעבט אויף דער טויט אין זיין האַרץ?
„נישט וויסען: צי האָט ער צו בלוט אויף אַ לוסט?
„וואָס מאַכט ער די נאַכט אַזוי בלינד, אַזוי שוואַרץ?
„צי שרעקען די שאָטענס פון רויב אויף זיין ברוסט?
„צי קוקען צו אים אויף די שטערענדלעך בייז,
„ווי שאָטען פון שעפּסלעך צעשראָקען און שוואַך?
„צי מעקען פון אים אויף די שעפּסלעך אַרויס,
„אַזוי ווי פון מיר, ווען איך פריי זיך צעלאַך?..
„נור דאָ גאָר נישט לאַנג–ווי די רגע געווען —
„איך האָב ווי אין חלום דעם עמיק געזעהן!
„עס האָט זיך דער עמיק אין טויבען פאַרשטעלט —
„כ'זעה: שנייווייסע טויבען אין שטויביגער וועלט"...
איך:
„און איך האָב זיך אָדלער מיט דיר נאָך געגרייסט
„און האָב זיך אין לידער צו דיר אָפּט געגלייבט,
„און דו ביסט אין פיינען געוועזען מיין טרייסט, —
„פון רויב=פויגעל ביסטו דער שענסטער פילייבט,
„נור איך האָב בחנם געגלויבט אין דיין מוט!
„דיך האַלט אויף אַ שאָטען געפאַנגען, בעקרוט!

LIII

## אין א נאכט פון הושענה-רבה.

איך האָב געוואַכט,
געוואַרט אויף האַלבע נאַכט.
און וואַרטענד, זיך איך אויף אַ ווייס-געקאַלכטען שטיין,
אַליין,
ביים שיידע-וועג, אין זייט פון טונקלען פעלד
און קוק אין ווייט,
אין טונקעלקייט —
אַ בלויע אויסגעשטערענטע וועלט;
און אַלע שטערען פינקלען מיר מיט זייער שיין,
מיט יעדען אָטעם וויג איך טויזענד שטערען איין,
מיך שכור'ט אָן די בלויע נאַכט,
דער שטערען פראַכט,
דער הימעל,
און ביסלעכווייז פאַרגעס איך זיך אין דרימעל.

דער פינקלענדיגער הימעל לאָזט זיך שטיל אַראָפּ צו מיינע טריט,
אַ ליכטיגער מלאך פלאַטערט צו און זינגט פון גאָט אַ ליד:
— „דריי הונדערט פינף און זעכציג זונען שטראַלען ביי זיין וואָג
„און גאָט טיילט אָפּ אַ זון פאַר יעדען טאָג...

„און ס׳שטעהט אין בלויען ליכט די שכינה צו זיין רעכטער האַנט,
„און בלויע הימלען מעסט זי מיט אַ שטראַלען באַנד,
„די בלויע הימלען פאַר דער גרויער ערד —
„אַ בלויער הימעל ווערט פאַר יעדען טאָג און נאַכט באַשערט,
„אַ בלויער הימעל פול מיט שיין...
„אָ, הימעל, דו אַליין ביסט מיין!
„מיט דיר צוזאַמען טוליע איך זיך צו דער גרויער ערד,
„מיט דיר צוזאַמען ווערט מיין בליק אויף אויסגעשטערנט און פאַר־
וואָלקענט און פאַרטרערט...
„מיט דיר צוזאַמען שמייכעל איך צום ראָזען זונאויפגאַנג
„און טובל זיך אין לעצטע פאַרבען פון איר אונטערגאַנג...
„מיט דיר, מיט דיר צוזאַמען וויים איך פון מיין גליק —
„אין דיר געוויקעלט וואַרף איך זיך אין תהום,
„אין רוים,
„און קום פון אַלע תהום׳ען דאָך צו גאָט צוריק!"

דער מלאך זינגט און שאַלט.
און פלוצלינג ווערט זיין שטימע, ווי אַן׳עכאָ אין אַ וואַלד,
צעצויגען...
און ווי אַ בוים אין רויש פון ווינט...
און אויסגעבלאָזען ווערט די פינקלענדיגע שיין;

ווי אין אַ לײלעך וויקעלט זיך דער מלאך אין דעם הימעל איין —
פֿאַרשווינד...

אַרום מיך: בלינדע פֿינסטערניש און שווידערדיגע קעלט,
אַ בלינדע, פֿינסטערע וועלט!
ווי קיינמאָל וואָלט קיין שטערען נישט געפֿינקעלט אין דעם רוים,
אַרום און איבער מיך—איין אייביג שוואַרצער תּהום!
און ס'עסט די שוואַרצקייט אין מיין לייב זיך איין,
זויגט אויס פֿון בליק דעם לעצטען שפּור פֿון שיין...
און איך אַליין פֿאַרשפּרייט פֿון זיך אַ פֿינסטער=בלינדע נאַכט,
אַ טייל בין איך פֿון שוואַרצער מאַכט,
פֿון שוואַרצע כּמאַרעס בין איך אויסגעשניצט!

אַ פֿייער=שלאַנג דורכבליצט...
און כ'זעה:
צעשפּאָלטען ליגט די שוואַרצקייט ווי אין העלפֿטען צוויי—
אין מיטען הענגט אַנ'אונגעהויערע פֿייער=באַל
און קליינע מורשקע=מענשלעך שוועבען אין דער לופֿט אַרום
און יעדעם מענשעל פֿליקט פֿאַר זיך אַליין אַ שטראַל,
ווי פֿון אַ קליינינק גערטענדעל אַ בלום —
און איינציגווייז, און ביסלעכווייז פֿאַרלאָשען ווערט די
שטראַלענבאַל
און ס'שימערט בלויז פֿאַר מיר אַ לעצטער שטראַל,
און ס'רופֿט אַ בת=קול ווי אַ שופֿר=שאַל:

— „אָ, צוגעגרייט האָב איך פֿאַר אייך אַ זון אומזיסט –
איר האָט די זון פֿאַרוויסט!"
אַ בלויער הימעל פֿאַלט אַראָפּ אויף זײַרע קעפּ
און ס׳בלייבט אַ שוואַרץ געוועב...
און כ׳הער אַ שלוכץ, אַ שטיל געוויין:
— „דער טאָג וועט מער קיין הימעל-בלוי נישט זעהן!"

דער לעצטער שטראַל אויף צאַנקט
און בלאַנקט
און גוסס׳עט און פֿאַרפֿאַלט...
אַרום מיך: בלינדע פֿינסטערניש און שווידערדיגע קעלט–
אַ בלינדע, פֿינסטערע וועלט!
מיר דוכט: איך הער אַ שדים-ליעד און קרה פֿון האָהן.
מיט שוואַרצע פֿליגעל רירט מיך איצט דער מלאך אָן
און זאָגט:
— „עס טאָגט,
נור אָהן אַ זון וועט זיין דער טאָג,
אַראָפּגעוואויגען האָט די שוואַרצע וואָג
און ס׳האָט
געצייכענט גאָט
אין לעצטען אויגענבליק
אַ גזר פֿון בלינדען קריג!"...

# פון שמואל-הנביא'ס געזאנגען.

LIV

# פון שמואל הנביא׳ס געזאנגען.

## א.

און פיינט האָט מיין הארץ דעם מזבח
און בענקט נאָך קיין קרבן נישט מער—
פון בשמים, פון קטורת דער ריח
מערט ביטערקייט נור אין מיין טרער.

דערהער איך די טריט פון אַ כהן—
ס׳שטראַלט דורך די יריעות די זון,
די נאַכט מיט איר חשך פאַרגעהען,—
מיין נאַכט דאָך בלייבט נישט אָפגעטון.

דערזעה איך אין אפוד פון ליינען
צי חפני, צי פנחס געקליידט—
די פלאַמען פון׳ם תמיד ערשיינען,—
מיין הארץ נור אין השך פאַרגעהט...

די ווינטלעך דעם ווייראויך צעווייען,
צעטראָגען פון בשמים דעם דופט—
אָ, ווי מיר, וואָס איך האָב געזעהען,
פון זינד האָט געציטערט די לופט!...

## בּ.

אָ, מוטער, האָסט מיך אָפּגעגעבען
אין משכּן צו דינען דאָ גאָט:
אין היילינען משכּן צו לעבען–
דאָ זעה איך נור טמאים און שפּאָט!

אין הרמתים אין שטילען,
אין שאָטען פון גרינענדען בוים,
דאָרט בליען נאָך ריינע געפילען,
דאָרט שפּראָצט נאָך אַ הייליגער טרוים!

דו ועצט זיך צום שפּינראָד צו שפּינען
אַ טרער פאַלט אין ליינען אַריין–
פאַר מיר איז דיין טרער און דיין זינען,
און איך ווער דערשטיקט דאָ פון פיין!

דו זעצט זיך צום וועבשטול צו וועבען
אַן׳אפוד פון ליינען דיין קינד—
אָ, מוטער, איך קאָן דאָ נישט לעבען,
דאָ ווייטער צו זיין איז אַ זינד...

## ג.

די זון אין אפרים פאַרגאַנגען,
דער אָוונט צעשויבערט די האָר,
ווי שכּור פון טויען און קלאַנגען–
און ווייט שאַלט פון מנחה אַ כאָר!

עס שפּיגלען זיך שטראַלען אין שויבען,
עס צינדט זיך אין שילו אַ ליכט:
אַהין געהט אַ פֿרוי מיט צוויי טויבען,
און פֿרום, ווי אַ טויב, דאָס געזיכט!

די האָר נאָך פֿאַרוויקעלט אין טיכער,
דאָך רוישט ווי מיט יום־טוב דאָס קלייד,
די טריט ווערען קרעפֿטיגער, זיכער,—
דאָס פּנים צערויטעלט פֿון פֿרייד!

אַריבער די טעג פֿון איר נידה,
די טעג פֿון איר טונקעלען פּיין;
אין אויגען פֿאַרבענקטע און מידע
צינדט־אָן־זיך פֿון שטערען אַ שיין...

די טויבען דערלאַנגט זי דעם כּהן—
ס'דערהויבט זיך אַ פֿאָרהאַנג, אַ וואַנט,
אָ, וויי מיר, וואָס איך האָב געזעהען,
די לופֿט האָט געציטערט פֿון שאַנד!

ד.

דו װעצסט זיך צו ריכטען, אָ, כּהן —
אין חשן־המשפּט געקליידט:
אַרום דיר פֿאַרזאַמעלטע שטעהען
אין טויער פֿון אוהל־מועד.

עם פֿינקלען פֿון חשן ברילאַנטען
און אבני־השוהם, ווי ליכט
פֿאַר שבטים פֿון אַלערליי קאַנטען,
וואָס קומען פֿאַר דיר צום געריכט:

דעם בערגמאַן פֿון נאָנטען אפֿרים,
דעם פֿישער פֿון אשר, פֿון ווייט;
דעם פּאַסטוך פֿון בין־משפּחים,
און סוחרים און העלדען פֿון שטרייט.

פֿון דן און באר־שבע, וואָס קומען
צו הערען דעם כהנ׳ס אַ וואָרט;
אָ, דאָ, וואו מען הערט נור דאָס ברומען
פֿון ברבים אין הייליגסטען אָרט...

דו זיצט, יאָ, צו ריכטען, אָ, כהן –
אַ משפּט פֿאַר גאָט און פֿאַר לייט –
דאָך חפֿני און פנחס וואו זענען:
ווער האָט זיי פֿון משפּט באַפֿרייט?

ה.

ס׳קומט ווידער דער אָוונט דער בלויער –
אָ, פֿלאַמען פֿון תּמיד, פֿאַרגעהט!–
לאָזט גיכער פֿאַרמאַכען דאָס טויער
פֿאַריגלען דעם אוהל־מועד.

אין רויִגען ליִכט פֿון דער מנורה,
וואָס פֿליִסט, ווי פֿאַר זיך, נור מיִט שיין,–
אַנטפּלעקט זיך דער וויִלען פֿון בורא
אין מיר זאַפט זיין וויִלען זיך איין.

און ביִן איך געבאָרען צו דיִנען
פֿאַר דיר אין דיין הייליִגען הויז,
באַלייכט מיר, אָ, בורא, מיין זיִנען –
מיך טרייבט איצט דער משכן אַרויס!

עס יאָגט מיך צו לויפֿען פֿון דאַנען,
אָ, לויפֿען אויף בערג און אין טאָל,
ניִשט פֿרעגען, וואוהיִן און ביִז וואַנען,
נור וואַנדערן, ווי אַברם אַמאָל...

זיך בלאָנקען אין שטיִלע ישובים,
און געהן פֿון געצעלט צו געצעלט,
אין נאָמען פֿון יושב-הכּרבים,
פֿון איין עק צום צווייטען עק וועלט.

דערצעהלען, ווי כּהנים לעבען,
ווי דאָ ווערט גאָטס נאָמען דערהייכט,
און ווען דאָ מעשר צו געבען,–
ווי ווייט די קדושה דערגרייכט!

איך קאָן שוין דעם סוד מער ניִשט טראָגען,
דעם סוד, וואָס דעם משכּן פֿאַרשוועכט.
מיר דאַכט: אויך די כּרבים זיך קלאָגען,
און מאָנען פֿון גאָט זייער רעכט.

# אינהאלט:

## א. פלאמען:


I צו דער וועלט . . . . . . 5

II צו דער נאטור . . . . . 6—8

III צו דער נאכט . . . . . . 9

IV צו מיינע חברים . . . . . 10

V צו מיינע אידעען . . . . . 11

VI צו מיינע חלומות . . . 12—13

VII צום פרילינג . . . . . . 14


## ב. וואלדגעזאנגען:


VIII אין וואלד . . . . . 17—20

IX א חלום . . . . . . 21—22

X וואלדגייסט . . . . . . 23—24


## ג. איך—און דו:


XI דערוואַרטונג . . . . . . . 27

XII בענקשאפט . . . . . . . . 28

XIII טאנצען . . . . . . . . . 29

XIV דיין נאמען . . . . . . . 30

XV א בייזער חלום . . . . . 31—32

XVI טרויער . . . . . . . . 33

XVII אונז בינדען צוזאמען . . . . 34

XVIII חוה . . . . . . . . . 35—36


## ד. משיח-קלאנגען:


XIX אנטפלעקונג . . . . . . . 39

XX ליכט . . . . . . . . 40

XXI ערב-שבת . . . . . . 41—44

XXII שכר . . . . . . . . . 45

XXIII בחנם . . . . . . . . 46


## ה. איך—און מיין חבר:


XXIV צום פרויענטאג . . . . 49—51

XXV אווענט . . . . . . . . 52

XXVI באגעגניש . . . . . . . 53

XXVII אמת איך בין שולדיג . . . 54

XXVIII א בת-קול . . . . . . . 55

XXIX תפיסה . . . . . . . . 56


## ו. גלות:


XXX גלות . . . . . . . . 59

XXXI פרעמדקייט . . . . . . 60

XXXII וואוהין? . . . . . . . 61

XXXIII עלעגיען . . . . . . . 62—63

XXXIV ערד . . . . . . . . . 64—65

XXXV גרויקייט און רעגען . . . . 66


## ז. אלול-ווינטען:


XXXVI אלול-ווינטען . . . . 69—70

XXXVII אלול-ווינט . . . . . . 71

XXXVIII אלול . . . . . . . 72

XXXIX דער בוים . . . . . . 73—74

XL ווייטאג און רחמים . . . 75

XLI די אלטע תפילה . . . 76—77

XLII אלטע יום-טובים . . . . . 73


## ח. חשבון-הנפש:


XLIII יום-הדין . . . . . . . . 81

XLIV משפט . . . . . . . . 82

XLV א תליון . . . . . . . . 83

XLVI אייביגקייט . . . . . 84—85

XLVII גליק? . . . . . . . . 86

XLVIII דער רודער . . . . . . . 87

XLIX בלאנדזשען . . . . . . . 88

L תהלים . . . . . . . . . 89

LI וואוהין? . . . . . . . . 90


## ט. אין דער מדבר:


LII פראגמענט א. ב. ג. . . . . 93—104

LIII אין א נאכט פון הושענה-רבה 105—108


## י. פון שמואל-הנביא'ס געזאנגען:


LIV פון שמואל הנביא'ס געזאנגען 108—115

1.60

פארלאג „די צייט"

ISBN:0-657-12749-3 01-415

WYDAWNICTWO „DI CAJT"
Warszawa, Twarda 4/2.